Judelsohn

# דֶער לֶעבֶּעדִיגֶער יָתוֹם

אָדֶער

# דֶער גֶעפוּנֶענֶער פָאטֶער.

אַיינֶע שֵׁיינֶע עֶרְצֶאהְלוּנג.

נָאוֶועלְלֶע

פָאן

מָרְדְכַי יוּדֶעלְסָאהְן.

ווילנא

שנת תרנ"ז לפ"ק

ЖИВОЙ СИРОТА.

Разсказъ М. Я. Юдельсона.

ВИЛЬНА. Типографія Розенкранца и Шрифтзетцера.
Лидскій пер., домъ № 2598-13.
1897.

## 1) דיא שטאט ווילנא.

אין די שטאדט ווילנא מיין ליבער לעזער מוסט דוא מיט מיר
גיין, דען איך וויל דיר בעווייזען, דאס דעם הערליכען נאמען
וועלכע דיזע שטאדט טראגט אויף זיך, איז ניט אומזיסט; ווילנא
גלאנצט אונד פראנגט מיט איהר צדקה מיט איהרע גראסע
וואהלטהאטיגקייט, וועלכע פארשעמט איהרע שוועסטערן — דיא
דערבייאיגע גרויסע שטאדט, וועלכע ווילען זיך קיינע מיהע ניכט
געבען איהר נאכצואהמען נאכצומאכען, זאנדערן זיי שטייען פון וויטען
אונד קוקען, זיך גאנץ קאלטבליטיג צו, ווי זייערע ארמע אונגליקליכע
גלויבענסברידער פייניגען אונד קוועלען זיך אונטער דעם לאסט דער
ארמוט עלענד אונד נויט; וואהרענד דיא שטאדט ווילנא קלינגט זיך
צו לינדערן, צופערלייכטערן זייער נויט —. זיי האבען געגרינדעט
איינע בילינע קיך (דעשאוואיא קוכנא) דאס יעדער ארמער מענש
קאן פאר 4 קאפייקען אבעסען איין מאהלצייט זאט, גוט אונד זויבער,
אונד אלע רייכע אונד אנשטאנדיגע לייטע בעטהייליגען זיך דארין
מיט זייער געלד אונד מיט זייער קארפער —. רייכע צארטע פרויליינס
וועלכע זיינען ניט געוואהנט איין פינגער אין קאלטע וואסער צו
שטעקען, אונד דארטען אין קוכנא איז ביי זיי רעכט צו העלפען
די קאכענס אונד צו בעדינען די ארמע מענשען מיט אלע פיינהייט —.
איבערהויפט איז זיא אויסגעצייכענט מיט איהרע „מענגי שבת"
פאר איין קלייניגקייט האט דער ארימער מענש שבת אונ יום טוב
צוא עסען מיט אלעם נייטיגע —. אלזא ליבע לעזער יעצט קום
מיט מיר אויף ווילנער שולהויף איך וועל דיר אלעם בעווייזען.



Дозволено Цензурою 6 Марта 1896 г. Вильна.

עס איז דער ערסטער טאג סוכות, די אוהר איז האלב 12 מען האט יעצט ניט לאנג געענדיגט דאווענען, פון אלע שולען אונד קלויזען ציהען זיך דיא אידעלעך מיט די הונגעריגע ליידיגע מאגענס, יעדער אידעלע גייט זיך א היים פריילעך דען ער ווייס, עסווארט אויף איהם איינע צערטליכע פרוי אונד ליבענסווירדיגע קינדערלעך מיט איין געדעקטען טיש וועלכע ער האט אנגעגרייט ערב יום טוב מיט דעם עווינגנס הילפע. אבער וואס שטייען דא אזוי פיל מענשען אונד זיי גייען גאר ניט אין זייער היים? אך ברידערלעך דאס זיינען דיא עלענדע ארמע מענשען וועלכע האבען נעבעך ניט קיין היים, דו זעהסט דא אפען שולהויף איז אויסגעבויט א גרויסע סוכה, אינעווייניג שטייען לאנגע טישען, געדעקט מיט ווייסע טישטיכער, דאס איז פאר די ארימע היימאטלאזע מענשען, צוערסט ליבע לעזער וויל איך דיר אריינפיהרען אין קיך, זעה נאר וויפיל קעכענס זיינען בעשעפטינט מיטען קאכען, וויפיל מענשען זיינען בעשעפטיגט מיטען מאכען די עסענס, 5 יונגע פרייליינס אנגעטאן אין עלעגאנטע קליידער מיט שירצען צארט ווייס ווי שניי, שטייען ביא אין טיש אונ קלעפען קרעפלעך, איינע יונגע דאמע מאכט צימעס, דיא צווייטע פילט פיש, אין קיך איז א רויך אונד פון דיא אויגען פון די עדעלע צארטע דאמען לויפט טרערען, וועלכע בעפייכטען זייערע זויבערע שירצען. זייא אבער לאזען זיך ניט שטערען אין זייער ארבייט, וויא טרייע אונערמידעטע דינסטען ערפילען זייא זייער פפליכט, די טיר האט זיך יעצט געעפינט אונ איין יונגער מאן איז געשווינד אריינגעקומען. „נוא קינדערלעך" האט ער געזאגט, איז דיא עסען שוין פארטיג? זייא האבען שוין געמאכט ברכה, זייא זיינען דאך נעבעך הונגעריגע מענשען!"

„אט באלד וועט זיין פארטג, יצחק!" האט זיך אבגערופען





איינע פון דיא פרייליינס, איינע נידעריגע נידליכע פערזאן מיט צארטע ווייסע באקען מיט קירשענשווארצע נוטמיטיגע אויגען.

„איהר זייט מיר גאר פויל געווארען אנושקא" האט יצחק פריינדליך געזאגט צוא דיזע קליינע פרייליין. איין צארניגען בליק האט זיא איהם צוגעווארפען. „נוא לאז זיין חנה!" האט יצחק נוטמיטיג געזאגט. „מיין ניט אז איך פארגעס מיר, נאר איך ליב צוזעהן וויא דוא ביסט בייז — וואלסט דוא וויסען וויא שיין דוא ביסט דאמאלסט אנ... מיין איך חנהלע"

— „יצחק!" האט חנה ערענסט געזאגט: „וויפיל מאל האב איך אייך געבעטען איהר זאלט מיר ניט מאכען קיין קאמפלימענטען. איהר ווייסט זעהר גוט איך בין איין איינפאכעס יודישעס מאדכען, אונד איך ליב ניט דיא אלע דומע צערמאניען." זיא האט דיא לעצטע ווערטער גערעט מיט גרויס צארען, זיא האט גערעט אונד פון איהרע קליינע צארטע הענדע זיינען געפלויגען דיא קרעפלעך וויא פון איין פאבריק.

— יצחק האט רעכט געהאט, ווירקליך האט זיא דאמאלסט בייצענד אויסגעזעהן וויא איין הימלישעס געשעפף, וויא איינע הייליגע. יצחק האט געשמייכעלט נוטמיטיג. „נוא! נוא!" האט ער לאכענדיג געזאגט „מעהר וועל איך דיר ניט געבען קיין קאמפלימענטען, נור גאנץ איינפאך וועל איך דיר רופען „דיא פוילע חנה פון קרעפעל פאבריק".

אלע האבען זיך צולאכט, אויך דיא נוטע בייזע חנה האט מיט געלאכט, אבער זא עדעל אונד צוריק האלטענד. עס איז אריינגעקומען איין מיטעלאהריגער מענש מיט איין שווארצען בארד „גוט יום טוב!" ווארן זיינע ערסטע ווערטער, „נוא פערקאכט שוין קינדערלעך דיא עסען" האט ער געזאגט.

„הער טאלישמאן!“ האט איין קעכין געזאגט ווערענד זיא האט געטראגען א הייסען קאסטראל מיט פיש „הער טאלישמאן זיי קענען זיך שוין גיין וואשען. די פיש איז שוין פארטיג, אונד גלייך פארקאך איך די קרעפלעך, די צימעס איז שוין פארטיג.

„יעצט איהר ליבע דאמען“ האט הער טאלישמאנן געזאגט ליינט אויף דיא טעלערס די פארטציאנען פיש אונ טראגט ארויס אין סוכה.

די דאמען האבען גענומען טיילען די פיש אונד זיי האבען געטראגען אין סוכה, אונ די ארימע מענשען זיינען זיך געגאנגען וואשען —.

## 2) דער לעבעדיגער יתום.

איין גרויסע טון מיט וואסער שטייט ניט ווייט פון סוכה, אונ איין צעבער אין וואס זיך אריינצוואשען, אלע מוזען זיך גיין וואשען, דיא עלטערע לאזט מען פריהער גיין אונ דיא יונגערע שפעטער. אלע ארימע מענשען שטופען זיך, יעדערער וויל פריער זיך וואשען, נור גאר פון וייטען שטייט איין יונגער מענש, מיט איין בלאסעם געזיכט, ניט ער שטופט זיך צו גיין וואשען, ניט עס הונגערט איהם, ער שטייט אונ טראכט. בילדער פון זיין קינדהייט פליהען פאריבער אונ זיינע געדאנקען. ער געדיינקט עס נאך ווי היינט ווען זיין פאטער פלעגט אים געהמען אפען שוים אונ ער פלעגט איהם לערנען אין מקרא קדש אונד אויסוויינינג פלעגט ער מיט איהם לערנען פיל העבריאישע ווערטער, ער געדיינקט נאך וויא גליקליך פלעגט ער דאן זיין ווען זיין ליבער פאטער פלעגט איהם צו זיין הערצען צו דריקען אונ זיין געזיכט בענעצין מיט זיינע הייסע טרערין, זיין מוטער פלעגט ארום גיין איבערין שטוב





ברומענדיג אונ שילטענדיג. „פיינע“! פלעגט דאמאלסט זאגען דער פאטער, „פיינע איך זאג דיר אז עס וועט קומען דער טאג ווען דוא וועסט חרטה האבען אויף דיין יעצטיגען פיהר, אבער עס וועט קיין צייט ניט זיין. איך פרעג דיר וואס פערלאנגסט דוא פון מיר? וואס צאפסט דוא מיר מיין בלוט? פעהלט דיר דען חיונה? דוא זעהסט איך בין ניט פויל, איך הארעווע 15 שטונדען אין מעת לעת נור פאר דיר מיט דעם ליבען קינד, נוא, פאר וואס לאזטו מיר ניט לעבען? איך זאג דיר דעם אמת אז איך וואלט שוין לאנג גינאנגען וואו מיינע אויגען וואלטען מיר גיטראגין, נור דער קינד... מיין ליבער זיסער הירשינקע, איהם קענסט דוא דאך בעדאנקען פאר וואס איך בין נאך באיי דיר“.

—„א שפאס וואס איך האב פאר זיין קאפ“ האט מיין מוטער גישריען“, איך האב קיין מאל ניט קיין קליידעל אויפין לייב, אויך מיר א פארדינער, א שפאס וואס מען קען האבען פון זיינע לעהרעראיי, אפילו קיין רעטאנדע האט ער מיר ניט געמאכט דער כלבוניק, א מיתה משונה האט ער גיקענט איין נעהמען איידער איך האב איהם דער קענט. —„ווען איך גיפעל דיר ניט“ פלעגט דער פאטער זאגען: „ווען דיר גיפעלט ניט מיינע מזונות איז דאך דא איין עצה, קום אריין צום רב אונ איך וועל דיר געבען די צוועלף שורות“. —„ניט דער לעבען וועסט דוא דאס!“ פלעגט די מוטער שרייען אונ טופען מיט די פיס“. גט וועל איך איהם נעמען, מכות, יסורים פון אלע אידין, עס ווילט זיך איהם א שיינינקע, א יונגינקע מיידעלע... ניין, דוא מוסט זיך מוטשענען אונ קוועלען דיין גאנצען לעבען! א זעלכע שצענעס פלעגען פארקומען 2 מאל די וואך, אונ מאנכעס מאל 2 מאל א טאג. איין טאג איז עס גיווען, אפינסטערער דונקעלער טאג, וואלקענדיג,

חמארנע טריב און טרויעריג, דאמאלסט גידיינקט ער איז גיוועזין צוויישען פאטער אונד מוטער איין גרויסער קריג. דער פאטער האט איהם דאמאלסט אפען שוים גענומען, ער האט איהם באוואשען מיט זיינע טרערען. ער האט געהאלפען דעם פאטער מיטוויינען. „זייא געזונד מיין ליב קינד!" האט דער פאטער אונטער כליפעס געזאגט. „דוא בלייבסט איין לעבעדיגער יתום, וועה צו זיין איין ארדענטליכער עהרליכער יודע. איך קאן דיר ניכטס העלפען מיין טייערעס גוטעס קינד! איך קען מעהר ניט גידולדען, איך קען מעהר ניט ליידען."

„גייא ניט פאפעלע!" האט ער דאמאלסט מיט גרויס געוויין געבעטען. „מיר וועלען דאך ניט האבען פון וואס צו לעבען ווען דוא וועסט ניט זיין. ווער וועט מיט מיר לערנען? ווער וועט מיט מיר שרייבען?" דער פאטער האט זיך פון איהם ארויסגעריסען, און ער איז געשווינד ארויסגעלאפען פון שטוב. דיא מוטער איז איהם נאך געלאפען שרייענדיג: „מרדכי! ערבארעם זיך, וואו לויפסט דוא? וואו לאזט דוא אונז? בלייב צוריק, איך וועל דיר שוין ניט נעהמען דעם לעבען, איך וועל דיר שוין ניט שילטען, איך וועל שוין זיין וויא דוא ווילסט" אבער זיין פאטער האט דיזע ווערטער שוין ניט געהערט, דען ער איז שוין געוועזען גאנץ ווייט. דיא מוטער איז אין אהנמאכט געפאלען, מען האט איהר אבגעמינטערט, אבער וויא וואהנזיניג איז זיא ארום געגאנגען, „איך האב איהם פארטריבען" פלעגט זיא מיט זיך אליין ריידען, איך האב אונז אונגליקליך געמאכט, ניין איך קען אהן איהם ניט לעבען!" אזויא פלעגט זיא ארום גיין טענענדיג און וויינענדיג. זיא האט פארקויפט איהרע גאלד און זילבער און זיא האט אויפגעגעסען, נאכדעם האט זיא פארקויפט אלע מעבעל, זיא האט זיך אבגעמוטשעט ביינאהע





2 יאהר, ביז דער טויט האט איהר בעפרייט פון איהרע ליידען. איהם האט דאמאלסט צוגענומען איין פערוואנדטער און ער האט איהם ערצויגען, ער האט דארטען אויך גענוג געליטען פון זיין מוהמען גענוג, ער האט זיך ערווארבען איינינע קענטניסע. יעצט איז זיין פערוואנדטער אבגעשטארבען אונד זיין גוטע מוהמינקע האט איהם געהייסען גיין פון וואנעט ער איז געקומען —.

— „וואס נייט איהר זיך ניט וואשען יונגער מאנן?" האט ער געהערט הינטער זיין רוקען זאגענדיג. ער האט זיך וויא פון שלאף אויפגעכאפט. ער האט זיך אומגעקעהרט. איין מאדכען אין פאלער שענסטער בליטהע האבען זיינע אויגען דערזעהן. ער איז אויף זיין ארט וויא געשמיט שטייען געבליבען. דיא שטימע האט איהם צום צווייטען מאל געמוסט הייסען זיך גיין וואשען. ער האט זיך געוואשען, און דיזעס מאדכען האט איהם איין ארט געוויזען וואו זיך צו זעטצען. אונד מיטליידיג האבען איהרע שיינע אויגען אויף איהם געקוקט. זיא האט איהם דערלאנגט זיין פארטציאן. קיין אויג האט זיא פון איהם ניט ארונטערגעלאזען. „וויא בלאס וויא ליידענד ער זעהט אויס" האט זיא ביי זיך געטראכט „וויא אונגליקליך ער איז נעבעך, ער שיינט איין אנשטענדיגער מענש צו זיין. ניין ער פאשט דא ניט צווישען דיזע מענשען. מען מוז בעטען דעם פאטער, ער זאל איהם נעהמען אויף יום טוב." זא האט דאס גוטע עדעלעס מאדכען געטראכט. דיזעס מאדכען וואר אונזערע בעקאנטע חנה. דיא ארימע מענשען האבען אבגעגעסען אונד דאן האבען זייא געדאנקט דעם ליבען גאט פאר שפייז אונד טראנק, אונד זייא זיינען אלע צוגאנגען.

## 3) הפליט (דער פליכטלינג).

עס איז דער צווייטער טאג סכות. מען האט שוין אב־גערדאווענט אונד דיא אידעלעך וועלכע ווערען ניט מיד צוא פייערן זאלכע לאנגע פייערטאגע, וועלכע קאסטען אב זעהר פיל געלד אונ פערדינען. פערדינט מאן דאמאלסט גאר ניט — זיינען זיך היינט אויך געגאנגען מונטער אונ פריילעך א היים, מיט איין פריידיגעם פראהעם הערץ, ערפילט מיט האפנונג צוא דעם אלמעכטיגען, דאס זייערע לאנגע זאל פערבעסערט ווערען —. דוא זעהסט דארטען גייען צוויא רייך געקליידעטע העררין, נאך אין מיטעלע יאהרען. זייערע בלאנקע צילענדער היט זיטצען אזוא נעט אויף זייערע שיינע קעפ, די טייערע טליתים וועלכע ליגען אין איין זיידענעם טלית זאק מיט די מחזורים, טראגען זיי אונטער דיא ארעמס. דוא זעהסט דער נידעריגער שיינער אידעל מיט דעם שווארץ ארום געשארענעם בערדיל, דאס איז רבי אהרן פרידמאן, דאס איז דער פאטער פון אונזערע עדעלע חנה'ן וועלכע איך האב אייך שוין געוויזען אין דיא ערסטע קאפיטלען. דער צווייטער איז העכער פאר איהם, זיין שווארצער בארד האט שוין 2 לאנגע שפיצען, וועלכע מאכען זיין שיינעם געזיכט פארנעהם אונד גייסטליך. הינטער זייא גייט נאך איין יונגער מענש פון 22 יאהר אונגעפעהר ניט אזויא עלעגאנט געקליידעט, אבער זויבער אונד ציכטיג, דער אויבער ראק איז גאנץ אונד ריין, דיזעלבע אלטע קאמאשען בלאנק אבגעוויקסט, דער ווייכער פילצהוט איז נאך רעכט גוט, אונד עס קליידעט איהם אויס־געצייכענט צוא זיין בלייכעם ערענסטעם געזיכט. זיין האלזבען (מאנישקע) איז צארט וייס, אין איהם וועט דער לעזער גלייך





דערקענען, איין פרעמדלינג, איין עלענדען ארימען אונגליקליכען מענשען. דאס איז דערזעלבער לעבעדיגער יתום, וועלכע איהר האט געלעזען אין ערסטען קאפיטעל, וועלכער האט נעבעך נעכטען געגעסען ביא דיא חברה מענגי שבת אין דיא גרויסע סוכה צווישען אלע שלעפערס —... *) דיא ביידע עלעגאנטע העררן ריידען צווישען זיך ברידערליך, וויא עס ווייזט אויס זיינען זייא אינטימע פריינדע. אפטערס קוקט זיך אום דער נידעריגער הערר, אונד ער זאגט צום אנדערן: „איך זאל אקארסט ניט פארלירען מיין אורח, מעהר פעהלט מיר ניט, מיין חנה'לע האט מיר אזויא פיל ערציילט פון איהם, אונד איינגעסט געבעטען איך זאל איהם למען השם איינלאדען אויף יום טוב. איך האב איהם קוים געפונען, צווישען אלע אורחים. מיין חנה'לע האט איהם אויסגעזוכט." דער העכערער הערר האט זיך אומגעקעהרט אונ ער האט איין פריפענדען בליק געווארפען אויף דעם יונגען מענשען, אונ ער האט איהם אויסגעשטרעקט זיין האנד צום שלום עליכם. „עליכם שלום" האט איהם דער אורח געאנטווארט. „פון וואנעט זייט איהר אליין יונגער מאן?"

---

*) זעהר פיין האנדלען דיא „מענגי שבת" אבער דאך האבען זייא נאך ניכט ערדרייכט אין גאנצען דעם טיטעל „מענגי" דען פיר ארדענטליכע אונגליקליכע מענשען איז עס ניט קיין עונג שבת צוזיצען צווישען איינפאכע גראבע מענשען וועלכע זיינען וייט פון זייא כרחוק מזרח ממערב. זייא דארפין זעהן פאר א זעלכע מענשען צוקריגען שבת אונ יום טוב ביא איין אנשטאנדיגען בעל הבית, אדער ווייניגסטענס זייא אבזונדערן אין איין אנדער צימער, צוא מאכען איין הבדל בין קדש לחול — ותע"ב.

„איך בין פון וויטעבסקער גובערניע" האט איהם דער אורח מיט א האלבע מויל געאנטוואָרט. — „פון וועלכע שטעטיל ?"

„אַךְ איין קליינינקע שטעטעלע איהר וועט עס געוויס ניט וויסען" האט דער אורח געמורמעלט. וואהרענד ער איז בלאס געוואָרען.

זייא האבען געזעהן אז ער וויל ניט זאגען דעם נאָמען פון שטעטיל, אלזא האבען זייא איהם מעהר ניט בעלעסטיגט מיט פראגען.

„רבי מרדכי !" האט געזאגט אהרן פרידמאנן. „איהר קומט אריין בייא מיר צו ברכה".

— „איהר וואָלט וויסען רבי אהרן וויא איך האב היינט קיין צייט ניט. איך מוז היינט אבשטאטען וויינגסטענס 10 וויזיטען. איך וועל אריינגיין צו אייך אם ירצה השם דיא אנדערע טעג."

„ניין איך לאָז אייך ניט אב, מיר האבען צייט גענוג אידער אונזערע קינדער וועלען קומען צוריק פון שול הויף, אידער זייא פארטיגען אב אלע מענשען מיט דעם עסען, (אין קוכנע פון דיא מענגי שבת) דען קענען מיר אבשטאטען 20 וויזיטען." רבי מרדכי האט נעמוסט אריינגיין צו רבי אהרן פרידמאנן אויף ברכה. דיא סוכה איז גרויס אונד שיין, אונד דער גרויסער שפייזע טיש איז געדעקט מיט איין שניי ווייסען סערוועט. אויף דעם טיש שטייט אלערלייא פערבייסונגען אונד לעקערביסען, פלעשער מיט גראבע בייכער געפיהלט מיט דעם רויטען גוטען וויין, אונד מיט שפירטוס, שטייען אונ ווארטען מען זאל זייא נאר אויסליידיגען. דער בעל הבית האט איין קורצען קדוש געמאכט אונ ער האט געוואונשען צו אלעמען לחיים. נאכדעם האט רבי מרדכי געמאכט א רעכט לאנגען קדוש. אונד ער האט געוואונשען לחיים.





„וואס האט איהר אזויא לאנג געזאגט רבי מרדכי ?" האט איהם אהרן פרידמאנן געפרעגט.

„וויא הייסט עס לאנג געזאגט ?" האט רבי מרדכי לאכענדיג געאנטוואָרט. „איך האב פיל געזאגט, אונ איך וועל פיל זופען... איהר ווייסט דאך רבי אהרן אז זאגען איז א גרויסע סגולה צום זופען..."

„יא איהר האט רעכט רבי מרדכי ! היינט מעגט איהר זופען וויפיל איהר ווילט אליין."

„ניין ! ניין ! איך מוז שוין גיין. אדיע ! א גוטען יום טוב ! ער האט אהרן פרידמאנן דיא האנד גערייכט אונד צו דיא פרויא א שאקעל געגעבען מיט דעם קאפ אונ ער איז אוועק געגאנגען.

„א וואזנער מענש דיזער רבי מרדכי" האט אהרן געזאגט צו זיין פרויא.

„דעם אויבערסטענס נסים" האט דיא פרוי געזאגט. „דוא געדיינקסט אהרן, ווען דיזער רבי מרדכי איז געקומען בייא אונז, וויא ארעם אונ הילפלאז ער איז געוועזען. מיין פאטער האט איהם צוגענומען צו זיך פאר דיא קינדער איין לעהרער, אונד גלייך אויף דעם צווייטען זמן האט ער געהאט אזא גראכארטיגען חדר דאס אין פערלויף פון 10 יאהר האט ער צוזאמענגעקליבען אזא קאפיטאל אונד יעצט איז ער א מלוה, אונ ער האט אזא גרויסארטיגען געשעפט. יא ! יא ! אלעס קען מאכען די הענטעגעוואשען".

— „ער איז אבער ווערט" האט אהרן געזאגט. „ער איז דער גרויסער קענער, ער איז איין גרויסער עהרליכער איד אונד איין בעל צדקה. זיינע קינדער זיינען העכסט פיינע געבילדעטע יודישע מענשען. יצחקל איז איין זעלטענגוטער יונגע. ער שטארבט פאר אונזער חנהלען — ..."

— „אבער וויא מיר ווייזט אויס" האט דיא מוטער געזאגט.

„וויא מיר ווייזט אויס איז אונזער חנה'לע קאלט צוא איהם, זעהר קאלט. איך האב איינינע מאל אנגעהייבען צוא ריידען מיט איהר וועגען יצחק'ן, האט זי מיר פארדרייט אין איין אנדער געשפרעך —."

„אזויא? אזוי?" האט דער פאטער פערדריסליך געזאגט.

„איך האב געמיינט אז זיא וויל איהם זעהר אונד דאס איז ווירקליך איין פיינער שידוך. פערגעס ניט אז רבי מרדכי מאנדעלשטאם איז בייא אונז איין גרויסע פירמא, אונ איך האב זעהר געוועלט האבען רבי מרדכי'ן פאר איין מחותן. מען מוז מיט חנה'לען ריידען וועגען דעם." דער אורח האט אויפמערקזאם צוגעהערט דעם געשפרעך צווישען מאנן אונד פרויא וועגען זייער טאכטער חנה. נאר ווען מען האט דער מאנט דעם נאמען „רבי מרדכי מאנדעלשטאם" האט איהם א ריס געגעבען אין הערצען. „מיין פאטער האט מען אויך גערופען מרדכי" האט ער זיך געטראכט. „מיין פאמיליענאמען איז אויך מאנדעלשטאם. זאל ער דאס זיין?" צו פרעגען אויף איהם האט איהם ניט געפאסט. ער איז געזעסען אזויא פערזונקען אין זיינע טרויעריגע געדאנקען, ביז דער בעל הבית האט איהם געהייסען זיך גיין וואשען. נאך פריהשטיק איז חנה געקומען אונד מען האט אלע צוזאמען מיטטאג געגעסען.

## 4.

## ווען די נויט איז אם גרעסטן, איז גאט אם נאכסטן.

דער אורח הירש מאנדעלשטאם, האט געגעסען א גאנץ יום טוב בייא רבי אהרן פרידמאנן. דיא נוטע חנה האט איהם אויסגעפרענט אלעס, אונד מערקווירדיג פאר איהר האט ער זיין הערץ געעפענט. ער האט איהר דערציילט זיין גאנצע ביאגראפיע.





חנה האט איין גרויסען טייל גענומען אין זיין שמערץ. זיא האט בייא זיך בעשלאסען איהם צוא העלפען אין זיין נויט, זיא האט איהם געטרייסט, דאס אזא מענש וויא ער איז, וועלכער בעזיצט איהם נעטרייסט, דאס אזא מענש וויא ער איז, וועלכער בעזיצט קענטניסע, וועלכער פערשטייט דיא דאפפעלטע בוכפיהרונג אונד דיא 3 שפראכען: העבראיש, רוסיש אונד דייטש וועט ער געוויס קריגען א שטעלע אין איין געשעפט אדער אנשטאנדיגע שטונדען. מיט איין האפנונגספאלעם הערץ איז הירש מאנדעלשטאם אוועק־געגאנגען אויף זיין קווארטיר. דיא ניין טעג יום טוב איז ברוך השם אוועקגעגאנגען. עס האט זיך אנגעהייבען בייא אונז יודעלעך איין נייעס יאהר מיט נייע זארגען, איין שפאגעל נייער ווינטער האט זיינע שפורען געוויזען. דער פערפלוכטער ווינטער האט פראוים געשיקט זיין פאמאצניק דעם הערן הערבסט מיט קאלטע ווינטען, מיט קאלטע רעגענס. טריבע וועטטערס מיט שווארצע דונקעלע וואלקענס האט זיך בעצויגען דער הימעל, אונד שווארצע וואלקענס האבען בעצויגען דיא געזיכטער פון דיא ארימע יודעלעך וועלכע האבען נאך יום טוב ניט געהאט קיין ברויט אונ קיין האלץ. אויך אונזער עלענדער הירש מאנדעלשטאם איז נעבעך ארום־געגאנגען אין דיא גאסען פון ווילנא מיט איין שווער פער־וואונדעטעס הערץ. אויף זיין קוואטיר בעט מען געלד, אונ ער האט ניט. זיין מאגען איז ליידיג — אונ ער האט ניט מיט וואס אנצופילען — ... חנה האט איהם אפילו פארשפראכען, פאר איהם צוזארגען, אבער דער ווילע האט ער נאך פון איהר קיין הילפע ניט געקראגען. ער איז שוין איינינע מאל געוועזען בייא ר' אהרן אבער ער האט חנה'ן ניט געפונען. ער איז געגאנגען, וואו זיינע פיס האבען איהם געטראגען. ער איז ענדליך געבליבען שטיין אפען שול הויף, אויף דעם ארט וואו דיא גרויסע סוכה איז געשטאנען.

„דא בין איך געזעסען“ האט ער זיך געטראכט. „דא איז געשטאנען דיא עדעלע חנה אונ זיא האט מיר דערלאנגט מיין פארציאן. זיא האט אויף מיר אזוי מיטליידיג געקוקט. חנהלעס בילד האט איהם פאר זיינע אויגען געשוועבט. ער האט אויף איין קליין ווייליע פארגעסען אז ער האט נאך ניט אנגעביסען. ער האט פערגעסען אן זיין קריטישע לאגע. צוויא אנשטאנדיגע מענשען זיינען צוא איהם צוגעגאנגען, אונד זייא האבען איהם געפרעגט: „ווייסט איהר ניט יונגער מאנן וואו וואהנט דא אפען שול הויף דער וואס פארמעקעלט מלמדים אונד לעהרערע? מיר דארפען האבען איין גוטען לעהרער.“

„ניין איך ווייס ניט!“ האט מאנדעלשטאם געאנטווארט. „איך בין אויך ניט קיין היגער“. דיא יודען זיינען אוועקגעגאנגען. מאנדעלשטאם האט זיך ערסט דערמאנט. אז ער וואלט פאהרען אויף איין ישוב פאר א לעהרער, דען דארטען וועט ער וויינגסטענס זיין געזיכערט פון קעלט אונ פון הונגער. ער איז דיא אידען נאכגעלאפען, אבער זייא האבען זיך שוין געהאט אריינגעקעהרט אין דעם צווייטען האף, אונד ער האט זייא פערלארען. ביז פאר נאכט האט ער זיך ארום געטריבען אין דיא גאסען גאנץ אהנע ציל, אום געגעסען, זיינע הענדע זיינען געווארען רויט פארשוואלען פון קעלט. ביינאהע קראפטלאז האט ער זיך אנידערגעזעצט אויף איין גאניק. ער איז קוים 5 מינוטען געזעסען, איז פון טרעפ ארונטערגעגאנגען איין מענש מיט איין גראבען בויך: „וואן פארכאטי שזיד!“ האט ער מיט כעס געשריען, וועהרענד ער האט איהם ארונטערגעשליידערט פון גאניק. ער האט זיך ארומגעקוקט פון וואנעט עס איז איהם געקומען דיא ברוך הבא. איין מיטעליאהריגער מאנן מיט איין ראזירטע מארדע, מיט איין גראבע בייכעל, איז געשטאנען פאר איהם. זיינע ארבעל איז געוועזן איינגעקאנט מיט גאלדבאנד,





מיט בלאנקע קנעפ. דאס איז גלייך געוועזען צוזעהן אז דאס איז איין דינער פון איין גאסטיניצא, אבער אויף זיין געזיכט איז געוועזען צו ערקענען אז דאס איז דאך א אידעל.

„וואס זידעלט איהר זיך, פארכאוואטי שזיד“ האט מאנדעלשטאם צו איהם געזאגט אויף יודיש. „איהר זייט דאך אליין אויך א יודע“.

„איך וועל דיר גלייך הייסען אבפיהרען אין אוטצאשטאק!“ האט דער דינער פון גאסט האף געזאזט אויף רוסיש.

„איך האב פאר דיר קיין מורא ניט“ האט מאנדעלשטאם געזאגט אויף רוסיש. מיר זיינען גלייכע לייטען, דוא ביסט אויך אזא איד וויא איך — . . .“

דער דינער האט שוין געוואלט איהם מכבד זיין מיט זיין קולאק, אינדעם זיינען ארונטערגעקומען פון האטעל צווייא רייכגעקליידעטע הערען. מאנדעלשטאם האט אן זיי דערקענט דיא צוויי פריהריגע יודען וועלכע האבען איהם געפרעגט וועגען דעם מעקלער פון דיא לעהרערם. דער דינער וויא ער האט דערזעהן די צוויי געסט האט ער הייפליך געצויגען די פערנאלדעטע היטעל אונ ער האט געמאכט א גראיילקע פערבייגונג. מאנדעלשטאם איז צוגעגאנגען, צו די אידען אונ ער האט געזאגט: זייא וועלען מיר ענטשולדיגען זייא האבען מיר געזאגט דאס זייא דארפען איין גוטען לעהרער, האבען זייא שוין געקראגען, אזא לעהרער?“

„ניין!“ האבען זיי ביידע געאנטווארט. מיר דארפען האבען ווער עס זאל פארשטיין גרינדליך דיא 3 שפראכען מיר גיבען הונדערט רובעל א זמן מיט אלעס פרייא. מיר האבען נור 2 אינגלעך צו לערנען, אונד מיין עלטערע שוועסטער איין שטונדע אין טאג העבראיש צו לערנען, ווען עס וואלט זיך אונז טרעפען איין גוטער

טיכטיגער לעהרער מעכטען מיר אויך געבען הונדערט מיט 20 אדער מיט 30 רובעל.

מאנדעלסטאם האט אלעס אויסגעהערט, נאכדעם האט ער געזאגט: „איך מיין אז איך וועל פאר אייך פאסען" „נוא קומט ארויף אין גאסטיניץ אין אונזער נומער" ער איז מיט זייא ארויפ־געגאנגען, דער יונגערער הערר האט איהם עקסאמינירט איינגעס: איינינגעם פון העברייעש האט ער איהם געפרעגט, אויך פון רוסיש אונד דייטש, זייא האבען געזעהן אז זייא האבען צוא טאן מיט א קענער. זייא האבען געהייסען דעם קעלנער ארופטראגען צו עסען אונ צוטרינקען, דער ארימער הירש מאנדעלשטאם האט זיך ערקוויקט מיט די שפייז אונ טראנק, אונ ער איז געגען אבענד מיט זייא מיט געפאהרען.

## 5) ליבע מיט פריינדשאפט.

הירש מאנדעלשטאם איז יעצט אין זיין נייע הײמאט, שוין צוויי מאנאטע, אין דיזע צוויי מאנאטע האט ער זיך ערווארבען דיא ליבע פון אלע הויזמענשען, יעדערער האט איהם געליבט געשעצט אונד געאכטעט, איבערהויפט האט ער צוגעצויגען צוא זיין הערצען זיינע שילער, דיא צוויי קנאבען וועלכע האבען ביי איהם געלערנט זיינען געווארען צו אים צוגעבונדען ווי צו איינעם פאטער. יעדעםווארט וואס ער פלעגט ארוים לאזען פון זיין מויל פלעגען זיי פערשלינגען ווי די בעסטע לעקערביסען, איבער הויפט וואר פאר איהם ענטציקט זיינע שילערין דאס פריילײן „עממא". דיזע עממא וואר איין מאדכען פון צוואנציג יאהר, צו זאגען נאנץ שיין, אבער זיא וואר וויא מען זאגט אהנע חן. זיא האט אין אנפאנג געמאכט גרויסע פארטשריטע, אבער זייט איינינגע וואכען





פערשטייט זי גאר ניכט וואס מען רעט מיט איהר —. די אורזאכע דערפון וועלען דיא לעזער געוויס פארשטיין, ווארום איהרע געדאנקען זיינען געוועזען אויף דעם לעהרער אליין... אבער ניט אויף זיין אונטעררינכט. דיא ערסטע צייט האט זיך דער לעהרער געוואונדערט, ווארום זיא איז אזוי פארענדערט געווארען, אבער נאכדעם האט ער פארשטאנען, אז דאס איז דיא ליבע. וואס מעהר דיזע עממא האט געוויזען צו איהם ליבע, האט ער איהר מעהר אונד מעהר פון זיך אפ געשטויסען —... פאר זיינע אויגען פלעגט אימער שוועבען די ענגעלשיינע גוטמיטיגע חנה. ער פלעגט זעהן וואכענד אונד שלאפענד איהר האלדעם בילד מיט איהר ליבען אנציהענדען שמייכעלע. הירש פלעגט זיך בעמיהען געגען איהר פריינדליך צו זיין, אונד דיזע עממא האט עס גערעכענט פאר ליבע. זא איז פערגאנגען דריי מאנאטע. עס וואר איין טאג ווען הירש איז געזעסען מיט זיינער שילערין עממא אונ ער האט מיט איהר געלעזען דעם אהבת ציון. אין מיטען לעזען האט עממא ארופגעלייגט איר האנד אפען בוך אונ זי האט ניט גילאזין ווייטער לעזען. דער לעהרער האט איר פארוואונדערט אנגעקוקט. „הערר מאנדעלשטאם!" האט עממא געזאגט „זאגען זיא מיר וואס איזט דאס ליבע?"

מאנדעלשטאם איז איבעראשט געווארען מיט דיזע פראגע. „ליבע! ליבע!" האט מאנדעלשטאם פערלעגען ווידערהאלט „איך וויים ניכט וואס דאס הייסט ליבע".

— „וויא זייא ווייסען ניכט וואס ליבע הייסט? זיא אלס איין געבילדעטער מאנן! אונד איך — איך איין לאנדשעם אונוויסענדעם מאדכען וויים שוין וואס ליבע הייסט... ביי דיזע ווערטער איז זיא פייער רויט געווארען.

„גיין הערר מאנדעלשטאם“ האט זיא ווייטער געזאגט מיט איין אונזיכערע שטימע, „גיין איך קען עס לייננער ניט אויף מיין הערצען טראגען, הייטע מוז עס ארויס. מיין הערץ איז פערוואונדעט, דיא פיילען דער ליבע האט מיין הערץ שווער געטראפפען, קורץ — איך ליבע... איך ליבע אייך ליבער גוטער הירש... ביי די לעצטע ווערטער איז זי אין אהנמאכט געפאלען.

מאנדעלשטאם האט זיך זעהר דער שראקען, ער האט איהר גלייך געשפריצט מיט וואסער, ער האט איהר אין צעהן מינוטען אבגעמינטערט. זי האט איהרע אויגען געעפענט. איהר געזיכט איז געוועזען בלאס ווי דער טויט, איהרע ליפפען האבען געמורמעלט.

„הערר מאנדעלשטאם“ האט זיא ענדליך געזאגט. „פערצייהט מיר מיינע דומהייט, איך זעה אליין, אז איך בין דום געוועזען זיך איינצורייען דאס אזא מענש וויא זיא וועט מיר ליבען. אבער וואס קען איך מאכען? קען מען דען איין הערץ בעפעהלען? דאס הערץ טוט זיך וואס איהר געלוסט. נאר איין זאך בעט איך אייך, און איהר מוסט מיר דאך טאן. קיינער דארף ניט וויסען וואס עס איז צווישען אונז היינט פארגעפאלען.“

„איך שווער אייך פריילין!“ הט מאנדעלשטאם ביוועגט גיזאגט.

„זיא ברויכען ניט צו שווערען. איהר ווארט איז פאר מיר גענוג, אבער נאך איין זאך פערלאנג איך פון אייך, דאס איהר זאלט אונזער הויז פערלאזען...“

מאנדעלשטאם איז אבגעשפרונגען צוריק „וויא קען איך דאס אין מיטען זמן אייער הויז פערלאזען?“

נאנץ איינפאך הער מאנדעלשטאם, זאגען זיי מיינע עלטערן, דאס איהר האט בעקומען איין בריף פון אייער היים, דאס איהר מוסט זאגלייך קומען, און זייא וועלען קיין ווארט ניט איבער-





ריידען, זייא וועלען אייך בעצאהלען וויפיל אייך קומט און אייך ווינשען איינע גליקליכע רייזע... איהר מוסט דאס טאן ווען איר ווילט מיר ניט אומברייננען. איך קען אייך ניט האבען ביי זיך אין שטוב, ווען איך מוז אייך ארויס רייסען פון מיין הערצען... מיר מוזען זיך שיידען פון איין אנדער. ווען איר ווילט ניט פארין פון אונז, זא וועל איך מוזען פאהרען פון מיינע עלטערן. איך קען ניט לעבען ווען איך זאל וויסען אז איהר זייט אונטער מיין דאך און איהר זייט ניט פאר מיר.... אלזא איהר פערשפרעכט מיר דאס?

„יא!“ האט מאנדעלשטאם נעאנטווארט.

„אלזא אדיע! איינע גליקליכע רייזע!“ זיא האט אים אין געזיכט ניכט אנגעקוקט. עממא איז פון זיין צימער ארויס געגאנגען. נאך דעמזעלבען אבענד האט דער ארימער הירש מאנדעלשטאם פערלאזען זיין נייע היימאט, וואו ער האט אזוי רוהיג אונד גליקליך פארלעבט גאנצע דריי מאנאט. יא ברידערלעך אזויא גייט עס אונז ערדענקינדער אויף דיזען יאמערטהאל. ווען מיר האבען שוין דעם גליק אין דער האנד. פלעצליך פערשווינדעט עס פון אונז, אונד אויס איסט מיט איהם.

## 6) דיא בעגעגעניס.

רבי אהרן פרידמאנן האט ווארט געהאלטען. ער האט מיט זיין טאכטער חנה'ן גערעט אפען וועגען יצחק מאנדעלשטאם. זיא האט איהם אבער הארטנעקיג געאנטווארט: „ער געפאללט מיר ניט פאר א מאנן“.

„שטייטש, וואס האסט דוא אויף איהם אויסצוזעטצען?“ האט איהר דער פאטער געפרעגט. ער איז זעהר שיין, ער קען גאנץ

גוט לערנען, ער איז אויך געבילדעט. זיין פאטער איז א גרויסער למדן און אין שטאדט זעהר אנגעזעהן.

„אללעס רעכט, מיין ליבער פאטער!" האט זיא איהם קורץ געאנטווארט. „און ער איז פאר מיר קיין מאנן ניט. ער איז איין אריסטאקראט; איך בין ניט קיין אריסטאקראטקע — איך בין איין איינפאכעס יודישעס מאדכען, איך ליב ניט די דייטשעריי. ער לאזט זיך נאר רופען „איסאק" — יצחק איז פאר איהם צו איינפאך, מיר וויל ער איבער בייטען אויף „אננא" — חנה פאסט איהם ניט; לאז ער זיך זוכען איינע אננא, און איך — חנה וועל מיך זוכין א הירשלען...

זיא האט זיך ארויסגערעט דעם נאמען „הירשעל" גאר ניט ווילענדיג. זיא האט זיך גלייך פערכאפט און זיא האט געזאגט: „אדער איין בערלען, א שמערלען".

דער פאטער האט פון איהרע רייד פארשטאנען, אז עס וועט נאר נישט העלפען זיינע ווערטער, אלזא האט ער מיט איהר ווייטער ניט גערעט. „נוא, האט ער געזאגט, לאז זיין וויא דוא זאגסט, מיין ליבעס קינד, איך וועל דיר דאך ניט צווינגען, אבער זעה מיינע ליבע טאכטער, דוא זאלסט מיר ניט מאכען קיין שאנדע מיט דיינע שידוכים — דוא זאלסט זיך טאקע ניט אויסקלייבען פון גאס איין איינפאכען פראסטען „בערלען". דער פאטער איז ארויסגעגאנגען און חנה איז גיבליבען זיצין פערטראכטערהייד. אין איהרע געדאנקען איז איר פאראיבערגעפלויגין דער גאנצער סוכות; הירש מאנדעלשטאם מיט זיין בלייכעס טרויעריגעס געזיכט האט פאר איהרע אויגען געשוועבט. וואו איז ער אבער פלוצלונג פערשוואונדען געווארען? דער אונגליקליכער האט מיר איינינע מאל געזוכט, און ער האט מיר ניט געפונען; איך בין דאס געגאנגען פאר איהם זוכען בעשאפטיגונג און גראדע, ווען איך האב שוין געקראגען פאר אים





איין שטעלע אלס פאמאצניק בוכהאלטער ביי רבי מרדכי מאנדעל־שטאם, איז ער גאר פערשוואונדען געווארען. ווייסט דער עוויגער וואו ער איז נעבאך אהינגעקומען"? זאלכע געדאנקען פלעגט חנה פיהרען גאנצע טעג. אויך אין חלום פלעגט זיא איהם זעהן, א מאל דערטרונקען און א מאל געהאנגען. עס איז געוועזען איין שבת, איז חנה געגאנגען מיט איין האנדלאשע אונד זייער דינסט האט געטראגען א טעפיל מיט עסען, זי האט געדארפט פארביי גיין רבי מרדכי מאנדעלשטאמס הויז. יצחק איז געשטאנען פאר'ן טיר, ער איז חנה'ן ענטגעגען געקומען.

„נו, חנה, האט ער געזאגט, מיר וועלען דיר ארויסווארפען פון אונזער חברה; שוין דריי מאל האסט דו פארפעהלט צו קומען, צוויי מאל אין דער וואכען אין קוכנא — און איינמאל היינטיגען שבת אין „מענגי שבת".

„זעהר גוט, רבי איסאק!" האט חנה שפאטיש געזאגט, איהר אליין פאסט טאקע פיר די „מענגי שבת". איך וואללט אייך הייסען מאכען פאר דעם ערסטען גבאי.

„פאר וואס?" האט יצחק נייגיריג געפרעגט. „ווייל איהר רבי איסאק זייט ריכטיג מענג דעם שבת. אט האט איהר זיך גלאט אבגעראזירט לכבוד דעם הייליגען שבת".

„איך אליין האב זיך דאך ניט ראזירט. דער בארביר האט מיר ראזירט. דאס טאר מען אויך ניט אום שבת?"

חנה האט זיך שטארק צו לאכט. און זיא איז אוועק געגאנגען. יצחק איז איהר נאך געלאפען.

„שטייא נאך אווילע מיין קליינע רעבעצען, איך וועל דיר אנזאגען א שמחה" חנה איז שטיין געבליבען.

„וואס פאר א שמחה"? האט חנה געפרעגט.

„הָאבּ נֶעדוּלְד מַיין קְרוֹין!“ הָאט יִצְחָק גֶעזָאגְט. חַנָה הָאט גֶעוואָלְט אַוֶועק גֵיין. „מַאכְט מִיר נִיט צוּם נַארֶען יִצְחָק“ הָאט זִיא גֶעזָאגְט, אִיהְר זֶעהְט אַז אִיךְ גֵיי אִין אַסְטְרָאג אַוֶועק טְרָאגֶען דִי אָרִימֶע אַרֶעשְׁטַאנְטְן אַ בִּיסְל עֶסֶען אוּנ עֶס וֶוערְט קַאלְט אִיבֶּער אַייךְ“.

אַז אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אַייעֶר אוֹרֵחַ, דֶעמְזֶעלְבִּיגֶען וָואס אִיהְר הָאט גֶעזוּכְט, אִיהְר וַוייסְט דָאךְ דֶעם אָרִימַען יוּנְגֶען מֶענְשֶׁען, וָואס הָאט בַּיי אַייךְ גֶעגֶעסֶען יוֹם טוֹב יֶעצְט אִיז גְרַאדֶע אַוֶועק גֶעפָאהְרֶען אוּנְזֶער גְלַאווְנֶער בּוּכְהַאלְטֶער אוּנְד דֶער פָּאמָאצְנִיק בּוּכְהַאלְטֶער וַוייסְט נָאךְ זֶעהְר וֵוייִנִיג.“

חַנָה הָאט נָאר נִיט גֶעהֶערְט זַיינֶע אִיבֶּערִיגֶע רֵייד. דֶען וִוי זִיא הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶר הָאט גֶעזֶעהְן דֶעם אוֹרֵחַ הָאט זִיא פֶערְגֶעסֶען אִן דִיא גַאנְצֶע וֶועלְט. זִי אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אִין גַאס אוּנ זִיא הָאט גֶעטְרוֹימְט, בִּיז זֵייעֶר דִינְסְט הָאט אִיהְר אוֹיפְגֶעוֶועקְט פוּן שְׁלָאף: „פְרַיילֵין לָאמִיר שׁוֹין אַ מָאל גֵיין, וִויא לַאנְג וֶועט אִיר דָא שְׁטֵיין?“ הָאט דִיא דִינְסְטְמֵיידֶעל גֶעזָאגְט. חַנָה אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַסְטְרָאג אוּנ זִיא הָאט אָבְּגֶעגֶעבֶּען דִיא עֶסֶען דִיא אָרִימֶע אַרֶעסְטַאנְטֶען. דֶעם גַאנְצֶען וֶועג הָאט זִי נָאר גֶעקְלֶערְט וואוּ כַאפְּט מֶען אִיהְם? וואוּ קְרִיגְט מֶען אִיהְם צוּזֶעהְן? זִי אִיז צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען, זִי הָאט יֶעדֶען מֶענְשֶׁען פֶּעסְט אַרַיינְגֶעקוּקט אִין גֶעזִיכְט. עֶס הָאט זִיךְ אִיהְר אַלֵין גֶעדַאכְט אַז דָאס אִיז עֶר. פְּלוּצְלוּנְג אִיז זִיא שְׁטֵיין גֶעבְּלִיבֶּען, אַיין יוּנְגֶער מֶענְשׁ הָאט אִיהְר גֶעזָאגְט „גוּט שַׁבָּת“! זָאל עֶר דָאס זַיין? עֶר זֶעהְט פִיל שֶׁענֶער אוֹיס, אוּנְד גַאנְץ פַיין גֶעקְלֵיידֶעט.

„הִירְשֶׁעל!“ „חַנָה!“ הָאבֶּען זֵייא בֵּיידֶע וִויא פוּן אֵיין מוֹיל גֶערֶעט. אוּנ זֵייעֶרֶע בֵּיידֶענְס גֶעזִיכְטֶער זַיינֶען רוֹיט גֶעווָארֶען, זֵייא זַיינֶען בֵּיידֶע גַאנְץ שְׁטוּם גֶעגַאנְגֶען זַייט בַּיי זַייט, נוּר עֶפְּטֶערְס





פְלֶעגֶען זִיךְ זֵייעֶרֶע אוֹיגֶען אָנְקוּקֶען, אָבֶּער זֵייעֶרֶע בְּלִיקֶען הָאבֶּען זֶעהְר פִיל גֶערֶעט... זֵייא זַיינֶען גֶעקוּמֶען בִּיז זֵייעֶר הוֹיז. חַנָה הָאט אִיהְם גְרַאדֶע אַרַיינְגֶעפִיהְרְט אִין אִיהְר צִימֶער וֶועלְכֶער הָאט גֶעהַאט אַיין פָּארְטֶען אַיינְגַאנְג (ווּכָאד), דָארְטֶען הָאבֶּען זֵייא זִיךְ עֶרְסְט דִי הֶענְדֶע גֶעדְרִיקְט. הִירְשׁ מַאנְדֶעלְשְׁטַאם הָאט חַנָהְן אַלֶעס דֶערְצֵיילְט. עֶר הָאט אִיר אוֹיךְ דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם פְרַיילֵין עָמְמַא...

„וָוארוּם הָאט אִיהְר דָאס פְרַיילֵין עָמְמַא נִיט עֶרְווִידֶערְט מִיט לִיבֶּע?“ הָאט חַנָה גֶעפְרֶעגְט מִיט אַיין צִיל...

„וַוייל אִיךְ לִיבּ אִיהְר נִיכְט“ הָאט הִירְשֶׁעל גֶעאַנְטְוָוארְט, וַוייל מַיין הֶערְץ לִיבְּט שׁוֹין דִיר... דִיר... מַיינֶע לִיבֶּע גוּטֶע עֶדֶעלֶע חַנָה!“ חַנָה הָאט אִיהְם אִיהְרֶע צַארְט וַוייסֶע הַאנְד גֶערֵייכְט, אוֹיף וֶועלְכֶע עֶר הָאט אַ קוּס גֶעזִינֶעלְט. אוּנ דֶער בּוּנְד אִיז גֶעווָארֶען גֶעשְׁלָאסֶען.

## 7) פָּאטֶער אוּנְד זָאהְן.

אַלֶעס אִיז נִיט אוֹיף אֵייבִּיג. נִיכְט פְרֵיידֶען, נִיכְט לֵיידֶען. אַלֶעס הָאט זַיינֶע צַייט. אוֹיךְ צוּ דִי צָרוֹת אוּנ לֵיידֶען פוּן אוּנְזֶערִין אָרִימֶען לֶעבֶּעדִיגֶען יָתוֹם הִירְשׁ מַאנְדֶעלְשְׁטַאם אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען אֵיינֶע עֶנְדֶע. ווִי דִי לֶעזֶער וַוייסֶען שׁוֹין פוּן פְרִיהֶרִיגֶען קַאפִּיטֶעל, הָאט רֶבִּי מָרְדְכַי מַאנְדֶעלְשְׁטַאם נֵייטִיג גֶעהַאט אַיין בּוּכְהַאלְטֶער אִין זַיין גֶעשֶׁעפְט, אוּנ עֶר הָאט גֶענוּמֶען דִיזֶען הִירְשֶׁען אוֹיף פְּרָאבֶּע. עֶר אִיז בֶּעשְׁטַאנֶען דִיא פְּרָאבֶּע זֶעהְר גוּט, אוּנ עֶר אִיז דָארְטֶען גֶעבְּלִיבֶּען. וִויא גְלִיקְלִיךְ אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען צוּ זַיין אִין אַזַא שְׁטָאדְט וִויא ווִילְנָא אִין אַיין פַיינֶעם גֶעשֶׁעפְט בַּייא אַיין פַיינֶעם עֶדֶעלֶען מֶענְשֶׁען, וִויא גְלִיקְלִיךְ אִיז עֶר גֶעוֶועזֶען זִיךְ צוּזֶעהְן אַלֶלֶע טָאג מִיט זַיין גֶעלִיבְּטֶע חַנָהְן, אוּנְד ווִי גְלִיקְלִיךְ אִיז דִי גוּטֶע חַנָה גֶעוֶועזֶען,

צו וויסען איהר געליבטען איין זיכערין ארט אונד בייא איהר דערבייא. עס איז געוועזען איין אבענד איז געזעסען רבי מרדכי מאנדעלשטאם אין זיין לעהר צימער איבער איין גמרא, אבער ער האט אין די גמרא ניט געקוקט, זיינע געדאנקען זיינען געוועזען בעשעפטיגט מיט אלטע ערינערונגען, אך פאר צוואנציג יאהר צוריק איז ער אנטלאפען פון זיין קסאנטיפפע *) ער איז געקומען דא אין ווילנא אהן איין גראשען, ער האט געזאגט, דאס ער איז איין אלמן, ער האט געקראגען שטונדען אין די גרויסארטיגע הייזער, אונ ער האט געקראגען איין נאמען, איין יונגעס היבשעס מאדכען האט זיך אין איהם פערליבט, דיזעס מאדכען האט געהאט איהרע צוועלף הונדערט רובעל, אלס ער האט איהר געהייראט, דאס וואר צוויי יאהר נאך זיין קומען אין ווילנא — דאמאלסט איז זיינע אלטע פרוי געשטארבען, (ער האט דער פון ניט געוואוסט) דיא נדן וואס ער האט געקראגען מיט דיא איבעריגע ערשפארטע געלד האט ער געלייגט אויף אינטערעסען, ביז ער איז ענדליך געקומען אויף אזא הויכע שטופע, ער איז רייך ער האט איין גראסען נאמען, זיין זאהן רעט מען דיא שענסטע שידוכים, „אבער וואס איז געווארען פון מיין פייגען?" האט ער זיך געטראכט. האט זי געקענט איבערלעבען אזא קלאפ? ווער איז איהר אבער שולדיג געוועזען זיא אליין, וויפיל מאל האב איך איהר געזאגט אז עס וועט זיך אזוי אויסלאזען. דו הימלישער פאטער ביסט מיין עדות אז איך בין ניט שולדיג אין איהר אונגליק. אבער מיין הירשינקע? אזא צערטליכעס ליבעס קינד, וואס איז פון איהם געווארען,

ווייסט

---

*) דיא פרוי פון בעריהמטען סאקראטיס וואר איינע זעהר שלעכטע. אונ זי האט געהייסען קסאנטיפפע; דאריבער ווירד גערופען שלעכטע פרויען מיט איהר נאמען.





ווייסט דער עווינגע אויב ער לעבט נאך? אך מיין ליבעס טייערעס קינד פערצייהע מיר, איך האב אנדערש ניט געקענט מאכען, בריפע האב איך ניט געקענט שרייבען, דען איך האב ניט געוואלט מען זאל וויסען וואו איך בין. איין מאל האב איך אפילו אבגעשיקט צום רב פון ט' אבער וויא עס ווייזט אויס האט זיא ניט צוגענומען. אך דו ליבער הימלישער פאטער! ווי קריגט מען צו וויסען וואס מיין הירשינקע מאכט. זאל איך פאהרען אליין נאך ט' וועלען זיי מיר ניט דערקענען? דיא טיר האט זיך געעפענט אונ דער בוכהאלטער הירש מאנדעלשטאם איז אריינגעקומען.

„הער מאנדעלשטאם!" האט דער בוכהאלטער געזאגט. הייטע איז דער טערמין פון לעאן גרינשטיין. ער בעט מען זאל 8 טעג ווארטען מיט זיינע צאהלונג.

„איך וועל ווארטען 8 טאגע מיט דיא צאהלונג." האט דער הער מאנדעלשטאם גוטמיטיג געאנטווארט. „קיינמאל צאהלט ער ניט צום טאג. וואס וועט ער מאכען הייטע איינע אויסנאהמע?"... דער בוכהאלטער האט געוואלט ארויסגיין. „ווארט הירשעל!" האט דער פרינציפאל געזאגט. „איך וויל דיר עטוואס פרעגען.

„אט גלייך קום איך צוריק" האט הירשעל געזאגט. איך וועל נאר גיין זאגען דעם מענשען פון גרינשטיין אז מען וועט ווארטען 8 טעג."

הירשעל איז ארויסגעגאנגען. „איין וואונדער יונגע דיזער הירשעל" האט מאנדעלשטאם צו זיך געזאגט, ווען הירשעל איז געוועזען ארויסגעגאנגען. „איך האב איהם אמת ליב. אונ מערקווירדיג ער הייסט אויך הירשעל, אונ זיין פאמיליעננאמען איז אויך מאנדעלשטאם. ער וויל ניט זאגען די שטעטיל פון וואנעט ער איז. זיין פאס האב איך ניט געקראגען צו זעהן. מען מוז איהם אקארשט גוט א פאר נעמען. מען מוז דאך ערפאהרען וואס פאר א גיהיימניסע אין דיזען יונגען שטעקט".

הירשעל

הירשעל איז אין דיזען אויגענבליק צוריק אריינגעקומען. „זעטץ דיך מיין זאהן!" האט מאנדעלשטאם זעהר פריינדליך געזאגט. הירשעל האט איהם אנגעקוקט מיט גרויסע אויגען. דער ווארט "מיין זאהן" איז איהם זעהר פרעמדארטיג פארגעקומען. אין דיזען ווארט „מיין זאהן" האט ער ניט געטרוימט דאס ער זאל עס ווען קריגען צו הערען. הירשעל האט זיך אהינגעזעצט.

„זאג מיר מיין קינד"! האט מאנדעלשטאם אנגעהייבען. „זאג מיר דיא ריינע ווארהייט וואס איז מיט דיר? ווארום ווילסט דוא ניט זאגען דיין געבורטסשטאדט?"

וואס איז דען דאס אייך אזוי נייטיג צוּוויסען, הער מאנדעלשטאם? עס איז גענוג אז איהר ווייסט איך בין איין עהרליכער מאן, אויף וועלכען איהר קענט פערטרויען אייער פערמעגען, אונד אייערע ביכער, טא וואס ווילט זיך אייך אריינקריכען אין דעם צווייטען נעהיימנים... גלויבט מיר ווירקליך הער מאנדעלשטאם אז מיין הערץ בלוטעט מיר ווען איהר דערמאנט מיר מיינע הערצענסליידען"... טרערען האבען אנגעהייבען צו גיסען פון זיינע אויגען. מאנדעלשטאם האט מיט געוויינט, דען ער האט דא אנגעריהרט אזא קנעפעל וואס האט ערציטערט זיין גאנצעם הערץ. איהם האט שוין פערדראסען צו וואס ער האט גאר אנגעפאנגען וועגען דעם צו ריידען.

צעהן מינוטען האט געדויערט ביז הירשעל האט זיך גוט אויסגעוויינט. נאכדעם האט ער געזאגט: „זיי האבען מיר דערמאנט אן מיינע קינדעריאהרע וועלכע איז געוועזען אזוי פריידענלעער אזוי טרויעריג, מיין פאטער וועלכען איך האב געליבט וויא מיין גאנצען לעבען איז אנטלאפען איבער דיא מוטער עליה השלום, וויל זייא האבען ניט גוט געלעבט. וויא שרעקליך פלעגט מיר זיין צוהערען זייער שטרייט, זייערע קריג, אבער





פונדעסטוועגען איז מיר אזוי ניט ביטער געוועזען, ווען דער ליבער פאטער איז געוועזען אין דער היים. מיר האבען ניט געפילט פון קיין עלענד פון קיין הונגער, אבער וויא ער איז אוועק געפאהרען איז דיא מוטער קראנק געווארען. דיא רייע, דיא חרטה, דיא געוויסענסביסע האט איהר זעהר געפלאגט. זיא האט אליין איינגעזעהן, דאס זיא האט צושטערט מיט איהרע אייגענע הענדע איהר לעבענסגעביידע. זיא האט זיך אבגעקוואלען רונדע 2 יאהר. דיא לעצטע צייט האבען מיר אויך געמוסט ליידען הונגער, דען עס איז שוין מעהר ניט געוועזען וואס צו פערקויפען. ענדע 2 יאהר איז די מוטער אבגעשטארבען, אונ איך בין געבליבען איין גאנצער יתום. מיינער איין פערוואנדטער האט מיר צוגענומען, דארטען האב איך אויך געליטען פון זיין ווייבעלע.

—„וויא האט מען גערופען אייער פאטער?" האט מאנדעל-שטאם געפרעגט.

„מרדכי!" האט הירשעל געאנטווארט.

„מרדכי!" האט מאנדעלשטאם ווידערהאלט, אונ ער איז בלאס געווארען. „אונ אייער מוטער?"

„פייגע!" האט הירשעל געאנטווארט.

„אייער שטעטעל וואו איהר זייט געבארען?"

„ט. הייסט דיא שטעטעלע".

„אך מיין ליבער טהייערער זאהן!" האט מאנדעלשטאם אויסגעשריען, וואהרענד ער האט הירשלען אין זיינע ארעמס געשלאסען. שיין איז געווען צו זעהן וויא פאטער אונד זאהן זיינען געלעגין אויף די העלזער, זייערע באקען זיינען אפילו געוועזען בעפייכט מיט טרערין, אבער דאס איז געוועזין פריידען טרערין, ווידערזעהנסטרערין וועלכע זיינען זא מילד, זא זיס, זא אנגענעהם.

נאך א רעכטע צייט זיינען געזעסין פאטער אונ זאהן ווי האבען גירעט פון די פערנאנגענהייט. די טיר האט זיך גיעפינט אונ רבי אהרן פרידמאנן איז געשווינד אריינגעקומען. ער האט אזא צארניגען בליק געווארפען אויף הירשלען דאס פאטער אונ זאהן האבען זיך דערשראקען. ער איז גיוועזען אזוי בלאס אונ אזוי אויפגירעגט דאס ער האט ניט געקענט ארויסברייננגען א ווארט.

„וואס איז מיט אייך רבי אהרן?" האט מאנדעלשטאם געפרעגט. „וואס פאר איין אונגליק האט אייך געטראפען"?

— איין אונגליק, איין אונגליק האט מיין הויז געטראפען, אונד אין דיזען אונגליק איז נור שולדיג אט דיזער אייער בוכהאלטער. איהר ווייסט זעהר גוט רבי מרדכי וויא אונזערע קינדער זיינען געוועזען איינע פאר דיא אנדערע. מיין חנקע איז ניט אנדערש גיוועזען אייער יצחקס כלה. מיר האט זיך גאר ניט אנדערש גיטראכט. אונ יעצט זייט דיזער ארימער שנארער איז געקומען, האט ער איהר צוגעצייגען צו זיך ווי מאגנעט. ער קומט צו מיר אין הויז ווען איך בין ניטא, איך האב שוין אלעס ערפאהרען, נוא זאגט אליין העדר מאנדעלשטאם, איז עס ניט איין אונגליק פאר איין פאטער, וועלכער וויל זיין קינד גליקליך מאכען, אונד ענדליך שטויסט זיא אוועק א גליק אונ קריכט אליין אין בלאטע. מיט אייער זאהן געפעלט איהר ניט דער שידוך, אונ מיט א פרעמדען ארימען מענשען, וועלכען מען קען ניט אונ מען ווייס ניט, געפעלט איהר יא".

מאנדעלשטאם האט אויסגעהערט מיט געדולד זיינע רייד.

„וויינט ניט אונ קלאגט ניט העדר פרידמאנן" האט ער גוטמיטיג געזאגט. „איך גיב אייך מיין האנד רבי אהרן אז זיא וועט צופרידען זיין מיט מיין זאהן. איר ווייסט אז איך האב צוויי זיהן? אט דיזער הירשעל איז אויך מיין זאהן. ער איז מיין זאהן, ער איז מיין זאהן פון מיין ערסטע פרויא"...





„גאטעס וואונדער" האט אהרן פרידמאנן אויסגעשריען, „ווען האט איהר דאס ערפאהרען"?

— „אט ערסט טאקע, ערסט די מינוט, האט ער מיר דערציילט זיין גאנצע געשיכטע, יא! דאס מיין ליבער גוטער זאהן." ער האט איהם הערצליך געקוסט ביי דיא ווערטער.

„אזוי? אזוי? איז דאס אייער זאהן?"

יא מיין ליבער העדר פרידמאנן, איהר ווילט דאך דווקא מיט מיין זאהן, אונד אייערע טאכטער וויל דווקא מיט מיין הירשלען, אלזא איז דער שידוך געשלאסען".

„ווען אזוי האב איך ניט וואס צו ריידען, ווען דיזער הירשעל איז אייער זאהן, איז ער מיין איידים". דיביידע מחותנים האבען זיך הערצליך צו קוסט, אונ נאכדעם האט רבי אהרן געזאגט: קום אהער מיין ליבער זאהן הירשעל, פערצייהע מיר וואס איך האב דיר גראב בעהאנדעלט, דו פערשטייסט אליין ווי די מעשה איז גיוועזין".

„איך פערצייהע אייך"! האט הירשעל געזאגט, וועהרענד ער האט איהם די האנד גערייכט.

רבי אהרן האט אים אן זיין הערצין צוגעצייגען אונ פעטערליך געקוסט. „דו ביסט מיין זאהן". האט ער געזאגט. „איך מוז לויפין אנזאגען חנהן דאס איהר וואונש האט דער עוויגע דערפילט.

## 8) אלעס וויא געוואונשען.

אין איהר צימער אפען בעטיל ליגט דיא עדעלע חנה מיט רויטע אויגען, דיא קיסענס האט זיא דורכגענעצט פון טרערען. די מוטער זיצט ביי איהר דערביי, אונד זי טרייסט איהר.

„גיין ליבע מוטער!" האט חנה אונטער שלוכצען געזאגט. „מיר קריינקט זעהר אויף דעם ארימען אונשולדיגען הירשלען, דער פאטער איז אוועקגעלאפען מיט אזא כעס ער וועט אים דארטען זידלען, אונ איין גאט אין הימל ווייס דעם אמת אז ער איז נעבך גאר ניט שולדיג.

אִיךְ אַלֵיין . . . נוּר אִיךְ אַלֵיין . . . אִיךְ הָאבּ אִיהְם גֶעהֵייסְן אַרַיינְקוּמֶען בַּיי מִיר, אִיךְ הָאבּ אִיהְם צוּם עֶרְסְטֶען עֶנְטְדֶעקְט אַז אִיךְ לִיבּ אִיהְם–. אִיךְ אַלֵיין . . . דִי טִיר הָאט זִיךְ הַאסְטִיג לוֹיז גֶערִיסֶען אוּנ אַהֲרן אִיז גֶעשְׁווִינְד אַרַיינְגֶעלָאפֶען . „וויין נִיט מַיין קִינְד“ הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם בֶּעטִיל צִוּגֵייעָנְדִיג, דֶער לִיבֶּער גָאט הָאט דֶערְפִילְט דַיין וואוּנְשׁ. הִירְשֶׁעל מַאנְדֶעלְשְׁטַאם ווִירְד דַיין מַאנְן זַיין .

חַנָּה אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען, ווִיא אַ רִיכְטִיגֶע מְשׁוּגֶעְנֶע הָאט זִיא אוֹיסְגֶעגְלָאצְט אַפָּאר גְרוֹיסֶע אוֹיגֶען אַפֶען פָּאטֶער . אוֹיךְ אִיהְר מוּטֶער הָאט נַייגִירִיג גֶעקוּקְט אוֹיף אִיהְר מַאנְן .

הֶערְט נָאר דֶעם אוֹיבֶּערְסְטֶנְס וואוּנְדֶער הָט עֶר ווַייטֶער גֶעזָאגְט. דֶער הִירְשֶׁעל אִיז אַיין זָאהְן פוּן רַבִּי מָרְדְכַי מַאנְדֶעלְשְׁטַאם, פוּן זַיין עֶרְסְטֶע ווַייבּ .

גָאטֶעס וואוּנְדֶער ! הָאבֶּען זֵיי בֵּיידֶע אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן . יֶעצְט הָט דֶער אוֹיבֶּערְסְטֶער גֶעמַאכְט פוּן אַלֶע זַייטֶען רִיכְטִיג. דוּ הָאסְט גֶעווֶעלְט הִירְשְׁלֶען , הָאט עֶר דִיר גִיגֶעבֶּען הִירְשְׁלֶען . אִיךְ הָאבּ גֶעווֶעלְט רַבִּי מָרְדְכַי מַאנְדֶעלְשְׁטַאמְס זָאהְן– הָאט עֶר מִיר גֶעגֶעבֶּען מַאנְדֶעלְשְׁטַאמְס זָאהְן . אִין שְׁטוּבּ אִיז גִיוָוארֶען שִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן . חַנָּה מִיט הִירְשְׁלֶען זַיינֶען גֶעווָארֶען חָתָן כַּלָה , אוּנ יִצְחָק׳ן אִיז גִיפֶעלִין גִיוָוארְן אַמֶאדְכֶען מִיט דֶעם נָאמֶען „עֶמְמַא גָאלְדְשְׁמִיד“ דָאס אִיז דִיזֶעלְבֶּע עֶמְמַא וועֶלְכֶע הָאט אַזוֹי שְׁטֶערְבְּלִיךְ גֶעלִיבְּט הִירְשֶׁעל מַאנְדֶעלְשְׁטַאם. זִיא אִיז נִיט גֶעשְׁטָארְבֶּען , נִיט אַזוֹי גִיךְ שְׁטַארְבְּט זִיךְ פוּן לִיבֶּע . . . נִיט לַאנְגֶע אִיז גִיוֶועזֶען בֵּיידֶע חֲתוּנוֹת . ווֶען זֵיי קוּמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען דִי בֵּיידֶע יוּנְגֶע פָּאר שְׁמֵייכֶעלֶען זֵיי . . . – יֶעדֶער פַארְשְׁטֵייט זַיין שְׁמֵייכֶעלֶע . . . דֶער אוֹיבֶּערְסְטֶער ווֵייסְט רִיכְטִיגֶער אַיינְצוּטְהֵיילֶען ווִי מִיר מֶענְשֶׁען : יִצְחָק מַאנְדֶעלְשְׁטַאם הָאט נֶעפַּאשְׁט צוּ זַיין חַנְהֶס אַ שְׁווָאגֶער אָבֶּער נִיט אִיהְר מַאנְן . . . הִירְשׁ מַאנְדֶעלְשְׁטַאם הָאט גֶעפַּאסְט צוּ זַיין עֶמְמַאס אַיין שְׁווָאגֶער אָבֶּער נִיט אִיר מַאן, דָאס הֵייסְט גָאטֶעס פְּלַאן .

עֶנְדֶע